## פיניעלע מזיק
### גיט לשון



נו, יאמן, צאָץ גיהעירט וואָס די אינדעקעס זיין אופ אָך די, מעריק ? ניין ?? צאָץ גורניש גיהעירט? זיי טיען נועך דוס אייגינע וואָס די איצלעריסטן טין אין בלין. זיי מאושין אוּען אָף די ידישע גיוועלבער אַזאָכניע מיגילים ; קויפּץ ניש באַ ידן ! אין אַז א יד פּליקט אַרופּ די פלאכ-טע, קיפּט מע עיעם האַליב טויט.

צ׳העירט ? ווען איעך פאק אַזאַ שאַליך מאושען אָף אַ ידיש גיוועליב, וואָלט איעך מיר פּעשאצט די אַרבל אין וואלט געבערשט, אַז כ׳וואָלט גיוועין אַ בראָך צי זאַנע יוער.

זענע דאָך אָבער ידן שמאָנדאקיס, לאזן זיי זעך קיפּן אין דינועך שראיען זיי גיוואלד,

דוס אלץ קענע זיי טין באַ שייבלירן אין באַ איערן, אין באליט עלן זיי ניש קימע. ווען זיי קימען קא באליט מאושין אָף ידישע גיוועלבער, וואָלטן די באַליטער יאַטלעך ניש גישריגן גיוואַלד גישריגן וואלטן זיי, די אינדיקעס.

אַ קלאל, יאמן, זאץ ניש גיפייגערט, טאמער וועט עץ קנאסן א שאַלעך מיט א פענדזל שמירן אָף אַ ידיש גיוועליב, פּרעגץ ניש קאַ קאַשיס אין לייגץ לאטעס.

יעץ על איעך ענק פּאַציילן אַ פּריילעכע מאנסע, צווייסץ וואָס ? מעמער הובן אין שמולן געסל א וואַזשנעם גאַטט. צ׳ווייסץ כאָדזשביג וועמען ? דעים כאזן קאָזעוויצקי, איעך אָב עיעם פּעבעטן, עיער עט זינגען וואַזשנע שטיקלעך פּין יורן קיפּירדיקן דאווינען אין טרילעיבישע נאריעס.

וואָעס ? צ׳גלייבט ניש, אַז קאָזעוויצקי עט קימע צי אינדז אין שמולן געסל זינגע ? אַלעוואַ זאָך אַזוי גיזינט זאַן מיט ענק ציגעזאַמעט ווי עיער עט יא קימע. כאב עיעם גיפאקט יענים זינטיק אין דעים שניאווע גורער כלאדניק זינגע, אָב איעך צי נעיעם גיזוגט אַזוי :

— פאניע קאָזעוויצקי, אַז איער זינגט שוין אין דעיעם שניאווער כלאָדניק, מעיגט איער דעך שוין קימע צי אינץ אין שמולן געסל אַראַן, אָכיט !

אָט עיר מיער גיענטפערט : יא, איעך על מעירטשים קימע צי ענק אין שמולן געסל אַראַן אָף אַ קאַנע—צערט.

אַ קלאַל, גרייץ ענק צי צין קאנע—צערט פּין כאזן קאָזעוויצקי אין שמולן געסל. סעט זאַן לעי-בידיק אין ליסטיק.

דעוואַל אָצץ מיער א גיטן שאַבּיס אין זאַצץ מיער גיזינט.

נראף קאלי.

## וואר = קל—אנגעז

שוין געבענשט ראש חודש אלול
פון די דאטשעס איז מען עולה,
און מען הערט דעם שופר בלאָזען
תרועה, שברים, תקיעה - גדולה.

נאָר די עכטע תקיעה גדולה
מוסאָליני האָט געבלאָזען
— סטראַשעט מיט אַ וועלט-מלחמה
אויב מען וועט איהם נישט דערלאָזען

אַביסיניען צו פערשלונגען
אין זיין אונענדליכען מאָגען,
וועט די גאַנצע וועלט דאַן האָבען
אי צו זינגען, אי צו זאָגען...

נאָר דער „לייבעלי" פון בריטאַניען
האַלט דאָך גאָרנישט פון עניוה
סקאַליעט ער די שאַרפע ציינער
טרייסעלט מיט זיין שטאָלצער גריווע...

ציטערט נישט פאַר קיין סטראַשונעק
פון דעם דוטשעס שטאַרקען אָרים.
אויף זיין שטאָלצער „תקיעה-גדולה"
ענטפערט ענגלאַנד מיט אַ „שברים".

היטלערס כריפּקע, וואָס וועט בלייבן
אין היסטאָריע, ליבע ברידער,
איז שוין אויסגעהיילט אינגאַנצען
און ער קען שוין בלאָזען ווידער...

נאָר די תקיעות, לאָמיר „האָפען
וועט דעם „שטן" נישט פערזאָגען
ווייל מיר ווייסען, אַז זיי קומען
פון אַ הונגעריגען מאָגען...

אויך ביי אונז אין לאַנד, רבותי,
די ענדעקעס, גאַסען-לויפער
בלאָזען ווידער אַלטע תקיעות
נעמען זיך צום אַלטען שופר...

אָט די טענער: „סוואַי דאָ סוועגאָ"
ווערען נישט אומזיסט פערפאַלען
אָפּטמאָל אויך אויף יודען - פלייצעס
הערט מען ווי די טענער קנאַלען...

## פייטעל און טרייטעל

פייטעל: גיב מיר, טרייטעל, אַן עצה, כ׳האָב אַ טאכטער קומט זי נישט אַהיים גאַנצע טעג און נעכט — וואָס טוט מען ?

טרייטעל: מאַך זי חתונה, וועט זי שוין אַהיים קומען.

## לויטן וועטער
### (אַ בריוועל פון האַלומנע)

אַ פּאָרעל האָט זיך „געבּרענט" אויף דער פּליאַזשע, ס׳האָט זיך צעפּלאַקערט אַ „פייערדיגע" ליבע, די אויגען האָבען ביי זיי „געבּרענט", ער האָט זי בּעשיט מיט „גליהענדע" קושען, פּלוצ-לינג איז אָנגעקומען דער פּאָטער און געכאַפּט זיי אויף דער „הייסער" מינוט און דערלאַנגט זיי „פּלאַמענדיגע" פּעטש, וואָס האָט זיי ווי אַ „דינער" געטראָפען און זיי זענען זיך „בּליץ" שנעל צו-לאָפען, איצט געהען זיי אַרום „פערכמאַרעט" ווי נאָך אַ רעגען.

קאפריזנער.

## פון שאך-טורניר

— מיר קענען אייך שענקען אַ „קרול" — האָט געזאָגט דער רעפּרעזענטאַנט פון ענגלאַנד צום רעפּרעזענטאַנט פון גריכענלאַנד.

* * *

די שאַך-אָלימפּיאַדע אין וואַרשע דערמאָהנט די פעלקער-ליגע: די וויכטיגסטע פּאַרטיעס בּליי-בען אָהן רעזולטאַט.

* * *

— טרעפט, וואו געפינען זיך 20 נאַציאָנען אין איין מלוכה ?

— נו ?

— טשעכיען... און יעץ זאָג מיר, וואו גע-פינען זיך 20 מלוכות אין איין נאַציאָן ?

— אויפ׳ן שאַך-טורניר אין וואַרשע.

## וואס יעדער דארף וויסען
### אַ לעקציע אַזאַ

אויב דו געהסט אין העלענאוו אויף אַ זאַבאַוועַ פון יתומים הויז זגערזשער 40, נעם מיט אַ שערם.

---

אויב דו געהסט מאַהנען אַ חוב נעהם מיט אַ שטעקען.

---

אויב דו געהסט אין אורזשאָנד סקאַרבּאָווי נעהם מיט אַ קעמעל, וואַרים די האַר וועלען זיך דיר שטעלען קאַפּויר.

---

אויב דו געהסט זעהען אַ כלה מיט אַ „פּריי-שען" נדן, נעהם מיט וואַלעריאַן-טראָפּען (וואָרים די כלה איז אַזאַ „פּיענקנאָשטש", אַז ס׳קען דיר נישט גוט ווערען).

---

אויב דו געהסט זיך „לעטשען" ביי אַ דאָק-טאָר פון דער „אובעזפּיעטשאַלניע", לאָז איבער אַ צוואה.

---

אויב דו האָסט אַ ווייב, וואָס רויכערט — שטער איהר נישט, ווייל ווען זי רויכערט — שווייגט זי.

קאפריזנער.

## ריין מוז זיין!

— פאַרוואָס איז אַרויס אַזאַ שטרענגער פער-אָרדנונג, אַז די הויפען מוזען זיין ריין ?

— ווייל אַלץ אין לאָדז איז איצט ריין: די געשעפטען זענען ריין פון —קונים, די פאַ[illegible]עס זענען ריין — פון סחורה, די טאַשען זענען ריין — פון געלד, פיל גרויסע לאָקאַלען זענען ריין — פון לאָקאַטאָרען, פיל שטובען זענען ריין — פון חמץ, אַ חוץ געוויסע „עסקנים", וואָס האָבען נישט קיין ריינעם — געוויסען.

זאקראטעק.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 203
פרייטאג, דעם 30 אויגוסט 1935

## ווער וועט קומען פריִהער ?...




## אלע לויפען זיי אויף דעם איינעם בענקעל.

